**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט איבער די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער לופט קוואליטעט אנגעלעגנהייטן אריבער די סטעיט און גיבט אנווייזונגען פאר זיכערע אקטיוויטעטן דורכאויס סוף וואך**

***נייע ציפערן ווייזן פארהעלטנסמעסיגע העכערונג אין עמערדזשענסי רום באזוכן צוליב אסטמא און אנדערע אטעמען פראבלעמען***

***סטעיט האט פארטיילט טויזנטע מאסקעס פאר מענטשן וואס נעמען טראנספארטאציע און מער פון 400,000 מאסקעס פאר 30 קאונטיס און לאקאלע פירער***

***סטעיט וועט צוריקגעבן געלט פאר מענטשן וואס זענען מבטל רעזערוואציעס ביי סטעיט פארוויילונג ערטער דעם סוף וואך כדי צו זיין מער באווארנט און צוליב אנגייענדע זארגן איבער לופט קוואליטעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס פאר ניו יארקער איבער די אנגייענדע סטעיט-ברייטע אפרוף צו לופט קוואליטעט אנגעלעגנהייטן וועלכע ווערן פאראורזאכט דורך וואלד פייערן אין מזרח קאנאדע. שאצונגען ווייזן אז די ניו יארק סיטי מעטראפאליטען געגנט, לאנג איילענד און מערב ניו יארק ראיאנען וועלן האבן לופט קוואליטעט וואס איז נישט געזונט פאר עמפינדליכע גרופעס, און צענטראל ניו יארק, די לאָווער האדסאן וואלי, אפער האדסאן וואלי און מזרח לעיק אָנטאַריאו ראיאנען וועלן האבן א מעסיגע לופט קוואליטעט.

"פאר מער פון א וואך האבן מיר געהאלטן אין איין ווארענען אז לופט קוואליטעט אנגעלעגנהייטן זענען ערנסט און אז זיי שטעלן א סכנה צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעצט ווען די אומשטענדן פארבעסערן זיך צוביסלעך און עס ווערט זיכערער צו זיין אינדרויסן אין פילע ראיאנען פון די סטעיט, איז דאס קריטיש אז ניו יארקער זאלן בלייבן אינפארמירט און אונטערנעמען שכל'דיגע זיכערהייט באווארענונגען כדי זיך אליין צו באשיצן און צו באשיצן זייערע פאמיליעס."

לויט די NYSDOH'ס עלעקטראנישע סינדראמישע נאכפאלגונג סיסטעם ( Electronic Syndromic Surveillance System) זענען 147 עמערדזשענסי רום באזוכן געמאכט געווארן צוליב אסטמא אין ניו יארקע שפיטעלער – נישט אריינרעכענענדיג ניו יארק סיטי – אום יוני 7, 2023, אין פארגלייך צו א דורכשניט פון 80 אין די פינף טעג צווישן יוני 1 און יוני 6. נוצנדיג ציפערן וועלכע זענען באריכטעט געווארן פאר "אטעמען סימפטאמען" אום יוני 8 פון ציפערן פון אמבולאנס סערוויסעס – א צייטליכע פריע-ווארענונג מקור – האט די העלט דעפארטמענט אויפגעכאפט:

- א העכערונג איבערן סטעיט פון 17.8 פראצענט אין די ראטע פון פעלער פער 100,000 מענטשן אום 6/7 אין פארגלייך צו די דורכשניט איבער די 5 טעג פון 6/1 ביז 6/5

- אין די מעטראפאליטען NYC ראיאן איז די העכערונג געווען 28.4 פראצענט און אין די הויפטשטאט ראיאן איז עס געווען 12.4 פראצענט

מיט יעצטיגע שטאפלען אין באטראפענע ראיאנען אריבער ניו יארק סטעיט זייענדיג צווישן געל און אראנדזש, עצה'ט די העלט דעפארטמענט צו אונטערנעמען באווארענונג שריט ווי נויטיג. שריט פאר מענטשן צו אונטערנעמען כדי צו פארקלענערן סכנות רעכענען אריין:

- ווען די AQI איז העכער פון 100 זאלן ניו יארקער וועלכע זענען אין שוואכערע גרופעס זיך צוריקהאלטן פון זיך אויסמוטשענען אינדרויסן און זיין אויפמערקזאם פאר סימפטאמען אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט. שוואכערע גרופעס רעכענען אריין מענטשן מיט הארץ קראנקהייטן (צום ביישפיל 'קאנדזשעסטיוו הארט פעיליור', האבנדיג געהאט א הארץ אטאקע) אדער לונגען קראנקהייט (צום ביישפיל אסטמא, שמאלערע אדערן אין די לונגען) און אזוי אויך קינדער אונטער 18, מענטשן פון 65 און עלטער.
- ווען די AQI איז העכער פון 150 זאלן אלע ניו יארקער זיך צוריקהאלטן פון טוהן אויסמוטשענדע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן, און מענטשן אין שוואכערע גרופעס זאלן זיך אינגאנצן פארמיידן פון זיין אויסגעשטעלט צו די דרויסנדיגע לופט.
- טראגעדיגע מענטשן קענען אויך זיין מער אויסגעשטעלט און גרינגער באקומען א קורצע אטעם, און פאר זיי איז דאס אויך רעקאמענדירט צו בלייבן אינעווייניג ווען די AQI איז העכער פון 150.

אויב נישט געזונטע לופט האלט אן אין אייער ראיאן און אין די נאכפאלגנדע טעג רעקמענדירט די העלט דעפארטמענט אז סיי וועלכער ניו יארקער וועלכער באקומט סימפטאמען אדער וועלכער האט פאריגע סימפטאמען וואס פארערגערן זיך, אריינרעכענענדיג אזעלכע וועלכע קענען זיין סימנים פון קאמפליקאציעס פון הארץ קראנקהייטן, זאל זיך דורכרעדן מיט זייער פערזענליכער דאקטאר אדער זיך באלד ווענדן פאר מעדיצינישע הילף. אויב איר באקומט סימפטאמען וואס ווייזן אז אייער אטעם איז געשטערט, ווי א הוסט, זאלט איר די ערשטע זאך אריינגיין אינעווייניג צו אריינאטעמען ריינערע לופט.

א לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזארי איבער שטויב אין די לופט בלייבט אין קראפט פאר די לאנג איילענד, ניו יארק סיטי מעטרא, לאָווער האדסאן וואלי, אָפער האדסאן וואלי, מזרח לעיק אָנטאַריאָו צענטראל ניו יארק און מערב ניו יארק ראיאנען כאטש ביז סוף פון די טאג. שטויב וואס די ווינט ברענגט פון די וואלד פייערן זענען ערווארטעט צו פירן צו העכערע קאנצענטראציע מעסטונגען אין די ראיאנען.

די דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) און די העלט דעפארטמענט (Department of Health, DOH) גיבן ארויס לופט קוואליטעט געזונטהייט אדווייזאריס ווען DEC וועטער עקספערטן זאגן פאר אז די שטאפלען פון לופט פארפעסטיגונג – צוליב אָזאָון אדער שטויב אין די לופט – זענען ערווארטעט איבערצושטייגן א לופט קוואליטעט אינדעקס פון 100. די AQI וואגשאל איז אוועקגעשטעלט געווארן אלץ א גרינגע וועג צו קענען פארגלייכן שטאפלען פון פארשידענע סארטן פארפעסטיגונג מיט איין ציפער, ווען די געזונטהייט זארג איז העכער אלץ העכער די AQI איז. די לעצטע AQI שאצונגען קען געזעהן ווערן דא.

די לופט שטרוים איז ערווארטעט צו פארזעצן צו אריבערברענגען די מערסטע געדיכטע רויעך דרום און מערב פון ניו יארק, מיט די דרום און מערב ראיאנען פון די סטעיט פארזעצנדיג צו זעהן רויעך אין די לופט. די שאצונגען פאר מארגן ווייזן ווינטן זיך דרייענדיג צו צפון אדער צפון-מערב, מיט א מעגליכקייט אז רויעך זאל אריינקומען אין די סטעיט שפעט שבת.

אין אנטווארט צו די קאנאדישע וואלד פייערן, האט גאווערנער האקול אנאנסירט פריער די וואך אז אומגעפער איין מיליאן N95-סטיל מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט זענען דא צו באקומען פאר ניו יארקער צו העלפן אדרעסירן לופט קוואליטעט ווירקונגען. אין ניו יארק סיטי האט די סטעיט שנעלערהייט

פארטייַלט הונדערטע טויזנטע מאסקעס פאר פאסאנזשירן אין צענטראלע טראנספארטאציע צענטערן דורכאויס די טאג אין צוגאב צו פארקס און סטעיט ערווייַלטע בעאמטע. קרוב צו 400,000 מאסקעס זענען דעליווערט אדער אפגענומען געווארן פון די סטעיט'ס זאפאסן דורך קאונטיס און די סטעיט לעגיסלאטור צו פארטייַלט ווערן, מיט מער פארטייַלונגען פלאנירט פאר היינט.

[גאווערנער האקול האט רעקאמענדירט](https://www.governor.ny.gov/) אז דרויסנדיגע סקול אקטיוויטעטן זאלן אפגעשטעלט ווערן בשעת די לופט קוואליטעט פארבלייבט א זארג. די גאווערנער האט אויך געמוטיגט ניו יארקער צו אפשטופן סיי וועלכע דרויסנדיגע אקטיוויטעטן אין באטראפענע ראיאנען ביז די אומשטענדן פארבעסערן זיך.

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "כאטש די אומשטענדן פארבעסערן זיך אין אלגעמיין אריבער די סטעיט, דארף זעצן מיר פאר צו דערמאנען מענטשן, באזונדערס די וועלכע זענען מער איינגעשטעלט צו באקומען געזונטהייט ווירקונגען פון די נישט געזונטע לופט קוואליטעט, צו אויפפאסן אויף זיך פאר סימפטאמען און צו בלייבן אינעווייניג אויב די לופט קוואליטעט אין זייער געגנט ווערט באשטימט צו זיין נישט געזונט. שוואכערע מענטשן, ווי צום בייַשפּיל מענטשן מיט הארץ פראבלעמען אדער לונגען קראנקהייט, און אזוי אויך גאר קליינע קינדער, מענטשן עלטער פון 65 יאר און טראגעדיגע מענטשן, זאלן רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט און מינימיזירן דאס זיך אויסמוטשענען בשעת'ן זיין אינדרויסן. אויב א מענטש וואס איז אין א שוואכערע גרופע מוז ארויסגיין אינדרויסן אין די צייט וואס די לופט קוואליטעט איז שלעכט, זענען זיי ערמוטיגט צו נוצן א גוט-צוגעדרוקטע מאסקע פון א הויכע קוואליטעט."

אין צוגאב האט די גאווערנער אנאנסירט אז מענטשן וועלכע האבן געמאכט רעזערוואציעס צו באזוכן א קעמפינג פלאץ אדער אנדערע פארווייַלונג ארט פון די DEC אדער פון די אפיס פון סטעיט פארקס, פארווייַלונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of State Parks, Recreation and Historic Preservation, OPRHP) און ווילן זיי מבטל זיין צוליב לופט קוואליטעט זארגן וועלן צוריקבאקומען די פולע סומע וואס זיי האבן באצאלט. די OPRHP האלט אויף [68 קעמפינג פלעצער](https://parks.ny.gov/) מיט פלאץ פאר 8,148 קעמפינגס, 967 קאבינעס און בודקעס און א ליכטהויז. [די DEC האלט אויף 52 קעמפינג פלעצער](https://www.dec.ny.gov/) אין די עדיראַנדעק און קעטסקיל פארקס מיט מער פון איין מיליאן נאכט קעמפינגס יעדע סעזאן. באזיכער וועלכע ווילן מבטל זיין אויף דעם זעלבן טאג פון די רעזערוואציע זאלן דירעקט אנרופן די קעמפינג פלאץ. באזיכער וועלכע ווילן מבטל זיין פאר דעם טאג פון די רעזערוואציע זאלן אנרופן די ReserveAmerica קאסטומער סערוויס אויף 1-800-777-9644. ניו יארק סטעיט קעמפינג פלעצער בלייבן אפן, און אלע רעזערוואציעס וועלן אנערקענט ווערן פאר מענטשן וועלכע ווילן נאכאלץ קעמפן דעם סוף וואך.

**סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "די DEC'ס קעמפינג פלעצער און טאג-פארווייַלונג ערטער אפפערן א רייע פון דרויסנדיגע אקטיוויטעטן און ערפארונגען וועלכע ברענגען צוריק באזיכער יאר נאך יאר. אין ליכט פון די יעצטיגע לופט קוואליטעט זארגן, ווילן מיר זיכער מאכן צו האלטן די קליענטן צופרידן, און מיר וועלן צוריקצאלן פאר סיי וועלכע אפגערופענע רעזערוואציעס וועלכע זענען פלאנירט געווארן פאר דעם סוף וואך. אונזערע עקספערטן וועלן פארזעצן אונזער טעגליכע לופט קוואליטעט נאכפאלגונגען צו העלפן האלטן די פובליק אינפארמירט."

**סטעיט פארקס, פארווייַלונג און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארקער זעצן פאר צו זיין אויסגעשטעלט צו נישט געזונטע לופט קוואליטעט אלץ רעזולטאט פון די קאנאדישע װאלד פייערן, דערפרייידט דאס מיר אז גאווערנער האקול אפפערט די געלעגנהייט צו צוריקבאקומען געלט פאר סטעיט קעמפינג רעזערוואציעס. די וועלכע ווילן בלייבן

אינדערהיים דעם סוף וואך וועלן נאך האבן א לאנגע געוואלדיגע זומער צו געניסן פון ניו יארק'ס געוואלדיגע קעמפּינג שטחים."

נעכטן האט גאווערנער האקול אנאנסירט שטרענגערע מאסנאמען צו באשיצן פערדן ביי ניו יארק סטעיט פארמעסט פלעצער, שטייענדיג בעפאר די 'בעלמאנט סטעיקס' פארמעסט, אזוי ווי רויעך און שטויב נעפל פון אנגייענדע קאנאדישע וואלד פייערן זעצן פאר צו באטרעפן די לופט קוואליטעט אריבער די סטעיט.

טיפּס פאר ניו יארקער צו בלייבן פארזיכערט:

- באגרעניצט די צייט אינדרויסן צו רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט צו רויעך
- האט די פענסטערס פון היימער און געביידעס פארמאכט
- פארמיידט אקטיוויטעטן וואס מוטשענען אויס
- דרויסנדיגע אקטיוויטעטן פאר אלע גרופעס זאלן באגרעניצט ווערן אדער געהאלטן ווערן צו די מינימום ווען מעגליך, אזוי ווי די מיט אסטמא, אלערגיעס און אנדערע זאכן קענען אפעקטירט ווערן
- פארמיידט זיך פון זיין אויסגעשטעלט פאר א לענגערע צייט
- מענטשן מיט געזונטהייט פראבלעמען ווי הארץ אדער לונגען קראנקהייט און אזוי אויך מענטשן וועלכע זענען טראגעדיג
- פאר די וועלכע מוזן פארן אינדרויסן פאר א באדייטנדע צייט, קענען גוט-צוגעדרוקטע מאסקעס פון א הויכע קוואליטעט העלפן רעדוצירן דאס זיין אויסגעשטעלט.

גאווערנער האקול איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט קאנאדישע בעאמטע, און נעכטן האט זי אנאנסירט אז א מאנשאפט פון זיבן DEC וואלד רעינדזשערס ווערן ארויסגעשיקט צו העלפן מיט די באמיאונגען צו העלפן ברענגען די וואלד פייערן אונטער קאנטראל. זיי וועלן זיך ארויסלאזן צו קוויבעק צו אנפירן א מאנשאפט פון 15 עקספערט וואלד פייער לעשער פון מעין, ניו העמפשיר און ווערמאנט פאר די קומענדיגע צוויי וואכן, און זיי קומען אין צוגאב פון א DEC וואלד רעינדזשער וואס שטייט יעצט אין שפּיץ פון די פייער לעשער באמיאונגען אין נאָווע סקאָושע. ניו יארק סטעיט שיקט אפט ארויס גוט טרענירטע וואלד פייער לעשער צו העלפן באקעמפן פייערן אלץ טייל פון פייער לעשער אפמאכן צווישן סטעיטס און צווישן לענדער.

###